בס"ד

כי תבא - נצבים תשפ"ה

גליון 254

# דעם רבינ'ס ליכט



אײַערע קינדער זאָלט איר מודיע זײַן וואָס דאָ האָט זיך געטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### מְעוֹרֵר זַיין דִי רַחֲמָנוּת

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין בַּיי שַׁבָּת סְלִיחוֹת, וֶוען עֶס הֵייבְּן זִיךְ אָן דִי הֵיילִיגֶע לֶעכְטִיגֶע טֶעג, וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן יָמִים נוֹרָאִים. פוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת בִּיז יוֹם כִּפּוּר וֶועלְן מִיר יֶעדְן טָאג זָאגְן סְלִיחוֹת, יֶעדְעס קִינְד לוֹיט זַיין עֶלְטֶער אוּן צוּשְׁטַאנְד.

וָואס מֵיינְט סְלִיחוֹת? דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער, מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן פֶּערְצִיג טֶעג פוּן סְלִיחָה מְחִילָה, וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶע'פּוֹעֶלְ'ט בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַ פַּארְצֵייאוּנְג אוֹיף דִי זִינְד וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעטוֹן אִין מִדְבָּר.

אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶּער מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת עֶפְנְט זַיינֶע הֶענְט פוּן דָאסְנַיי אוּן נֶעמְט אָן אוּנְזֶער תְּשׁוּבָה פוּן סַיי וֶועמֶען, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וָואסְפַארְא מַצָב עֶר גֶעפִינְט זִיךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְגַלֶּה פוּן וואוּ עֶס נֶעמְט זִיךְ אַז אַ אִיד זָאל לַיידֶער עוֹבֵר זַיין אוֹיף אַן עֲבֵירָה. אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (אוֹת פ"ט) זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז לוֹיט דִי קְדוּשָּׁה וָואס אַ אִיד פַארְמָאגְט, קוּמְט נִישְׁט עֶר זָאל טוּן עֲבֵירוֹת, נָאר פוּן דִי צָרוֹת וָואס דִי אִידְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אִין גָלוּת, וואוּ מֶען לַיידְט פוּן דִי גוֹיִם דוּרְכְדֶעם קוּמְט מֶען חַס וְשָׁלוֹם צוּ טוּן עֲבֵירוֹת.

קוּמְט אוֹיס אַז דִי עֲבֵרוֹת קוּמְט פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא, וֶועלְכֶע וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אֱדוֹם, עֶר רוּפְט זִיךְ "רִאשׁוֹן", אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין פָּסוּק וֶוען עֵשָׂו אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, 'וַיֵּצֵא הָרִאשׁוֹן אַדְמוֹנִי', עֵשָׂו אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּן פוּן אִים וֶוערְט נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט, 'עֲבֵירָה גוֹרֶרֶת עֲבֵירָה'. אוּן אַזוֹי וֶוערְט לַיידֶער פֶּעק פוּן עֲבֵרוֹת.

וָואס אִיז דֶער תִּיקוּן דֶערְפַאר? לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי אַז דָאס אִיז דוּרְךְ לֶערְנֶען אוּן מְקַיֵּים זַיין דִי דְרַייצְן מִדּוֹת שֶׁל רַחֲמִים. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז מְקַיֵּים דִי אַלֶע דְרַייצְן מִדּוֹת הָרַחֲמִים, רַחוּם וְחַנּוּן, אֶרֶךְ אַפַּיִם א.א.וו. דָאס מֵיינְט אַז מֶען זָאל הָאבְּן רַחֲמָנוּת אוּן פַארְמֶערְן צוּ טוּן חֶסֶד, מִיט דֶעם אִיז עֶר מְעוֹרֵר רַחֲמָנוּת אִין הִימְל, אַזוֹי פַאלְן אַרָאפּ אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מְקַטְרְגִים אוּן זֵיי וֶוערְן אוּנְטֶערְדְרִיקְט.

אִין דִי טֶעג זָאגְן מִיר אָן אַ שִׁיעוּר מָאל דֶעם "קֵל מֶלֶךְ יוֹשֵׁב עַל כִּסֵּא רַחֲמִים, מַעֲבִיר 'רִאשׁוֹן רִאשׁוֹן'," וֶוען מִיר זֶענֶען מְקַיֵּים דָא אוּנְטְן דִי דְרַייצְן מִדּוֹת הָרַחֲמִים, אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל דִי עֲווֹנוֹת



פוּן זַיין פָאלְק, מַעֲבִיר רִאשׁוֹן, עֶר פִירְט אַרִיבֶּער [עֶר נֶעמְט אַוֶועק] דִי עֶרְשְׁטֶע עֲבֵירָה פוּן יֶעדֶע פֶּעקְל עֲבֵירוֹת, אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע עֲבֵירוֹת פוּנֶעם פֶּעקְל גֵייעֶן צוּרִיק צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וֶוערְט אַ פַארְצֵייאוּנְג.

וֶועט אֵיינֶער זָאגְן: "אִיךְ בִּין לַיידֶער גָאר שְׁוַואךְ סַיי אִין רוּחָנִיּוּת אוּן אוֹיךְ אִין גַשְׁמִיּוּת, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיךְ פַארְמָאג נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת צוּ מַעֲבִיר זַיין אוֹיבְן דִי דְרַייצְן מִדּוֹת שֶׁל רַחֲמִים?" דֶערְפַאר גְלַייךְ נָאךְ סְלִיחוֹת זָאגְן מִיר "מַהֵר יְקַדְּמוּנוּ רַחֲמֶיךָ כִּי דַלּוֹנוּ מְאֹד", מִיר זֶענֶען זֵייעֶר אָרֶעם, מִיר בֶּעטְן זִיךְ בַּיי דִיר גֶעטְרֵייעֶר פָאטֶער, מִיט דַיין רַחֲמָנוּת דֶערְבַּארִים זִיךְ אוֹיף אוּנְז, אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ חָנֵּנוּ וַעֲנֵנוּ כִּי אֵין בָּנוּ מַעֲשִׂים, עֲשֵׂה עִמָּנוּ צְדָקָה וָחֶסֶד וְהוֹשִׁיעֵנוּ.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז בִּזְכוּת שַׁבָּת קוֹדֶשׁ – אַזוֹי וִוי מֶען הֵייבְּט אָן דֶער פִּזְמוֹן בְּמוֹצָאֵי מְנוּחָה קִדַּמְנוּךָ תְּחִלָּה – אוּן בִּזְכוּת דִי צַדִּיקִים וֶועלְכֶע זֶענֶען אַ בְּחִינָה פוּן שַׁבָּת, זָאל אוּנְז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אוֹיסְמֶעקְן אַלֶע אוּנְזֶערֶע זִינְד אוּן מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער צוּ בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען פַארְבֶּעסֶערְן מִיט וָואס מֶען קֶען. עֶס זָאל שׁוֹין מְקֻיָּם וֶוערְן דִי גֶעבֶּעט "הֲשִׁיבֵנוּ ה' אֵלֶיךָ וְנָשׁוּבָה, חַדֵּשׁ יָמֵינוּ כְּקֶדֶם, אָמֵן".

המשך פון זייט 11

# בַּאשִׁיצְט פוּנֶעם פַיינְט

עוֹשֶׁר, אִיךְ וֶועל הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן אַלֶע וֶועלְן מִיר מְכַבֵּד זַיין.

"דָאס אִיז גֶעוֶוען צוּלִיבּ דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן פִיל גֶערֶעדְט אִיבֶּער טַייעֶרֶע אוֹיטָאס, אוּן גֶעהֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס רֶעדְן אִין קַאוֶוע שְׁטִיבְּל אוּן דֶערְצֵיילְן אִיבֶּער בִּיזְנֶעס... וֶוען אִיךְ הָאבּ זֵיי אוֹיסְגֶעהֶערְט, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אִין הַארְצְן: אִיךְ וֶועל שְׁוֶוער אַרְבֶּעטְן אוֹיךְ צוּ זַיין אַ מְכוּבָּד'יגֶע עוֹשֶׁר.

"דֶערְנָאךְ, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען לֶערְנֶען דִי סְפָרִים פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אוּן דָארְטְן הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט אַז דִי גַאנְצֶע תַּכְלִית פוּן דֶער וֶועלְט אִיז נָאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט אוּן כָּבוֹד אוֹיפְן וֶועלְט אִיז אֵיין גְרוֹיסֶע שְׁטוּת אוּן עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן - נוּ, וָואס הָאבּ אִיךְ גְלַייךְ מַחְלִיט גֶעוֶוען? צוּ אוֹיסְנוּצְן מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן בְּלוֹיז אוֹיף תּוֹרָה אוּן עֲבוֹדָה.

"וִוידֶער בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטִיבֶּעלֶעךְ, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט וִוי אַלֶע זֶענֶען נִתְפָּעֵל פוּן אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעקוֹיפְט אַ טַייעֶרֶע שַׁיינֶענְדִיגֶע אַנְצוּג מִיט אַ הֶערְלִיכֶע מוּסְטֶער... זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט מִיט אַזַא פְלַאם, אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אִין הַארְצְן: אִיךְ וֶועל אוֹיךְ אַזוֹי זַיין.

"בַּיינַאכְט הָאבּ אִיךְ גֶעעֶפְנְט דִי סְפָרִים פוּן ר' נָתָן, אוּן מַיין הַארְץ הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ בְּרֶענֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ הָאבּ פַארְמַאכְט דִי אוֹיגְן אוּן גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'אִיךְ גֵיי נָאר פַארְבְּרֶענְגֶען מַיינֶע טֶעג מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן שִׂמְחָה אוּן לֶערְנֶען דִי סְדָרִים'. אַזוֹי הָאט דִי 'שְׁפִּין' גֶעהַאקְט אוֹיף מִיר יֶעדֶע טָאג מִיךְ אַרַיינְצוּשְׁלֶעפְּן אִין דִי בְּלָאטֶע פוּן גַשְׁמִיּוּת.

"דוּ זָאלְסְט אָבֶּער וִויסְן מְנַשֶּׁה: אִיךְ וָואלְט הַיינְט גֶעוֶוען טִיף טִיף פַארְזִינְקֶען אִין דִי פּוּסְטֶע זַאכְן פוּן עוֹלָם הַזֶּה, וֶוען נִישְׁט דָאס בְּלֶעטְל פוּנֶעם רֶבִּי'ן וָואס הָאט בַּאשִׁיצְט אוֹיף מִיר אוּן אַזוֹי אַרוּם מִיר גֶעהִיטְן בִּיז הַיינְט פוּנֶעם שְׁפִּין".

# אַ קעניג

האָט אַמאָל זיך געבויט אַ פּאַלאַץ, דער קעניג האָט גערופן צוויי מענטשן און זיי באַפוילן זיי זאָל אויסמאָלן זיין נייע פּאַלאַץ. ער האָט צעטיילט דעם פּאַלאַץ אויף צוויי טיילן, דאָס הייסט, אַז איין חלק זאָל ליגן אויף איין מענטש צו אויסמאָלן און דאָס צווייטע טייל פאַרן צווייטן מענטש.



דער קעניג האָט באַשטימט אַ צייט, אַז ביז דעם באַשטימטן זמן ליגט אויף זיי אַ פליכט צו ענדיגן די אויפגאַבע פון מאָלן. די צוויי זענען זיך געגאַנגען יעדער אין זיין וועג. איינער פון זיי האָט זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט, ער האָט זיך אָנגעפלאָגט און זיך געגאַנגען גוט גוט אויסלערנען די פאַך פון מאָלעריי, ביז ער האָט הערליך אָפּגעמאָלן זיין טייל וואָס איז געלעגן אויף אים צו ענדיגן, ער האָט דאָרט אויסגעקריצט אַלע סאָרטן חיות און פייגלען מיט הערליכע פּאַנאָראַמעס.

דער צווייטער האָט נישט אינאַכט גענומען דעם קעניגס באַפעל און זיך בכלל נישט געפּאַרעט מיט זיין אויפגאַבע. ווען די באַשטימטע צייט צו ענדיגן זייער אַרבעט איז אָנגעקומען, דער ערשטער האָט שוין געפאַרטיגט זיין אַרבעט און קונסטווערק, מיט הערליכע וואונדערליכע מאָלערייען, און דער צווייטער קוקט זיך אַרום און פרעגט זיך, „מיט וואָס האָב איך אַריבערגעפירט די צייט, מיט פוסטע נאַרישקייטן? איך האָב זיך נישט צוגעהערט צום קעניגס באַפעל?".

זיינע געדאַנקען הייבן אָן פיבערן מיט אַלע סאָרטן מחשבות וואָס ער קען יעצט טון? זיכער אין אַזאַ קורצע צייט איז נישט מעגליך זיך אויסצולערנען אַזאַ שווערע פאַך צו מאָלן שיינע מאָלערייען, און צוענדיגן זיין חלק אינעם פּאַלאַץ פונעם קעניג.

האָט ער זיך מיישב געווען און איז געגאַנגען קויפן אַזאַ סאָרט פאַרב וואָס ווערט אָנגערופן „פּאַקוסט", דאָס איז אַזאַ געדיכטע שוואַרצע קאָליר, מיט דעם האָט ער אָנגעשמירט די גאַנצע וואַנט וואו ער וואָלט דאַרט געדאַרפט מאָלן זיין חלק. די פּאַקוסט איז געווען פונקט ווי אַ שפּיגל וואו מען האָט זיך געקענט זען דערין ווי אַ שפּיגל. נאָכן אָפּשמירן האָט ער אָנגעהאַנגען אַ פורהאַנג און פאַרדעקט פון זיין טייל און זיין חבר'ס טייל.

ווען דער באַשטימטער טאָג איז אָנגעקומען, איז דער קעניג געקומען זען די שיינע ווערק וואָס זיי האָבן צוגעשטעלט אין די טעג. דער קעניג זעט דעם ערשטנס חלק וואו



עס איז געווען אויסגעמאָלן הערליכע פּאַנאָראַמעס און קונסטווערק געצייכנט אויף אַ וואונדערליכן אופן. אינעם צווייטן זייט האָט געהאָנגען אַ פורהאַנג פון אונטערדעם איז געווען שטאַק פינסטער.

דער צווייטער קומט צו גיין און עפנט אויף דעם פורהאַנג, די זון האָט אַריינגעשיינט און אַלע מאָלערייען פון צווייטן זייט האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אויף זיין זייט, ווייל דער פּאָקוסט האָט געשיינט ווי אַ שפּיגל, האָט זיך איבערגעשפּיגלט אַלע פייגלעך און וואונדערליכע קונסטווערק, דאָס אַלעס האָט מען יעצט געזען אויף זיין חלק. נאָך מער פון דעם, אַלע מעבל און שיינע כלים וואָס דער קעניג האָט אַריינגעבראַכט אין פּאַלאַץ, האָט מען יעצט געזען אויף דעם זייט, און וואָס דער קעניג וועט שפּעטער ברענגען אין פּאַלאַץ וועט מען אויך זען אויף דעם וואַנט. איז עס דעם קעניג זייער געפאַלן...

קינדער טייערע, אונז זענען שוין אין די לעצטע טעג פון יאָר תשפ"ה, מיר האָבן האָבן געהאַט פּלענער וויאַזוי דאָס יאָר זאָל אויסקוקן, זיך אָנגעגרייטן די ריכטיגע געצייג צו דינען דעם באַשעפער, זיין נאָנט צו אים און צו זיין תורה, אָבער... ווי דער צווייטער מענטש אינעם משל, עס קען זיין אַז מיר האָבן זיך דורכאויס דעם יאָר זיך פאַרקלאַצט, פאַרדרעדט, איבערגעגעסן, פאַרשלאָפן און יעדער קען צולייגן זיינע שוואַכקייטן וואָס עס איז אַדורך דעם יאָר און פאַרגעסן צו אויספאָלגן דעם קעניגס באַפעל צו אויסמאָלן און פאַרשענערן דעם אויבערשטנס פּאַלאַץ.

אָבער דער רבי לערנט אונז אַז מיר זאָלן זיך נישט פאַרלירן, מיר וועלן זיך באַהעפטן צום צדיק, מיר וועלן זיין בטל צו אים אַזוי ווי אַ שפּיגל שפּיגלט אָפּ וואָס עס געפינט זיך אַרום, אַזוי וועלן מיר אויסליידיגן אונזער שכל און עס וועט זיך אָפּשפּיגלען אונז אונז נאָר דעם רבי'נס שכל, און אַריינכאַפּן וועלכע קליינע מצוה אָדער גוטע זאַך צו דינען דעם באַשעפער, אַזוי אַרום וועט דער קעניג הנאה האָבן זעענדיג אַז מיר גיבן נישט אויף, מיר הייבן נישט הענט, מיר ענדיגן צו דעם יאָר מיט שמחה און פרייד, זיך פאַרלאָזנדיג אויפן כח פון אותו זקן, אונזער הייליגער גרויסער רבי.



# אונטערוועגנס #12
## ביי רבי נתן'ס נסיעות



*אין קורצן פון פריער:*

***רבי נתן האט שוין געפונען די ליכטיגקייט פון חסידות אבער ער איז נאכאלץ נישט רואיג מיט זיך. ער שפירט אז ער איז נאכנישט צוגעקומען צו די מדריגה אין תורה און תפילה ווי עס באדארף צו זיין.***

***רבי נתן איז שוין געווען א צדיק ווי ער איז, אבער זיין נשמה האט נאך געלעכצט צו נאך עפעס העכערס און בעסערס.***

***איין מוצאי שבת, גייענדיג אין גאס פארצווייפלט איבער זיין תכלית אויף דער וועלט, איז ער אריינגעגאנגען אין א שול. ער האט זיך געזעצט תהילים זאגן מיט ביטערע בכיות ביז ער איז אנטשלאפן געווארן.***

אצינד ליינט ווייטער איבער די מיסטעריעזע חלום וואס עס אנטפלעקט זיך אים:

רבי נתן זעט ווי ער שטייט פאר א לייטער הויך פון דער ערד ביז צום הימל. ער הייבט אן ארויפצוקלעטערן אויף דעם לייטער אבער ער פאלט אנידער. ער פרובירט נאכאמאל ארויפצוקלעטערן אביסל העכער, אבער ווידער ווערט ער אנטויש ווען ער פאלט צוריק אראפ. נאכאמאל און נאכאמאל האט רבי נתן פרובירט צו קלעטערן דעם לייטער און ביי יעדע פרואוו האט ער דערגרייכט איין טרעפל העכער, אבער ער האט זיך נישט געקענט האלטן אויפן לייטער, דען ער איז יעדעס מאל ווידער אראפגעפאלן ביז אונטן. און ווי העכער ער האט געקלעטערט, אלץ טיפער איז געווען זיין טראסקען אויף אראפ. פונדעסטוועגן האט ער נישט אויפגעגעבן און ווייטער זיך אויפגעשטעלט און ווידער אנגעהויבן ארויפצוקלעטערן אויפן לייטער. ער האט שוין כמעט דערגרייכט ביים שפיץ און ווידער, טראך... קראך... רבי נתן האט געטראסקעט פון אזוי הויך אז אלע זיינע ביינער האבן זיך צעשמעטערט! ביי דעם פונקט האט ער זיך כמעט מייאש געווען פון בכלל אנקומען אויבן. פונקט אין יענע מאמענט האט זיך אן אינגערמאן באוויזן און אים געמוטיגט: „דראפע זיך און האלט זיך?"

רבי נתן האט זיך ערוועקט אינגאנצן צעשטורעמט פון דעם מערקווירדיגע חלום.

## ווער איז עס דער איד?

רבי נתן האט נישט געוואוסט. אבער פארט האבן אים די ווערטער זייער געמוטיגט. ער האט

זיך אויפגעשטעלט און פארלאזט דעם שול. ער איז דאך געוועזן אויפן וועג צו קויפן בייגלעך פאר די חברים ביים מלוה מלכה. אלזא, איז ער צוריק צו זיין ארט ווי גארנישט וואלט פאסירט אויפן וועג...

## דער רבי אין ברסלב

דינסטאג כי תצא, י׳ אלול ה׳תקס״ב איז געווען א גרויסער טאג אין ברסלב, ווען דער הייליגער רבי איז אריינגעקומען אין שטאט זיך צו באזעצן. גלייך ווי דער רבי איז אריין אין שטאט האט ער זיך אנגערופן צו זיין גרויסן תלמיד הרה״ק רבי יודל פון דאשוב: ״איך זע א נשמה אין אוקריינע נעבן ברסלב, איך וואלט זייער געוואלט עס זאל מקורב ווערן צו מיר.״ און אזוי האט דער רבי ווייטער גערעדט איבער די גרויסקייט פון אט די נשמה. אבער די ארומיגע האבן נישט געהאט קיין אנונג וועמען דער רבי מיינט דא צו אנצייגן...

## א ברכה פארן יריד

יענעם היסטארישע טאג ווען דער רבי איז אנגעקומען קיין ברסלב, איז געווען א יריד וואס צוליב דעם האבן זיך געפונען דארט מענטשן פון די ארומיגע שטעט און דערפלעך צו קויפן און פארקויפן סחורה.

אזוי האבן גריסן פון א גרויסער רבי וועלכער האט זיך באזעצט אין ברסלב, אויך דערגרייכט קיין נעמירוב - וואס איז ממש נישט ווייט, בערך צוויי שעה צו פארן מיט א פערד און וואגן, היינט וואלט מען געזאגט צוועלף מינוט מיט א קאר.

די נעמירובער איינוואוינער האבן זיך צוריקגעקערט פונעם יריד מיט פונקטליכע באריכטן איבער דער עבודה און הנהגה פונעם נייעם רבי׳ן וואס זיי האבן געהערט שמועסן אין מארק און וואס זיי האבן אליין צוגעזען מיט די אייגענע אויגן.

ווי האבן זיי שוין אזוי שנעל געקענט דערקענען דעם רבי׳ן?



די סוחרים פלעגן זיך ארויסלאזן צום מארק מיט צאפלדיגע הערצער, וועלן זיין מצליח זיין צו מאכן געלונגענע געשעפטן אדער וועלן זיי חס ושלום אנווערן זייער געלט און צומאל געבארגטע געלט? ווען זיי פלעגן אנקומען צום מארק שטאט, זענען זיי צום אלעם ערשט אריין צום רבי׳ן פונעם ארטיגן שטאט צו בעטן א ברכה אויף הצלחה און פרנסה בריוות. בדרך כלל, פלעגט זיי דער רבי גלייך אנווינטשן. געשטארקט מיט אמונה פלעגן זיך די סוחרים ווייטער ארויסלאזן צו זייערע געשעפטן.

אויך אין ברסלב האבן די סוחרים געטון דאס זעלבע זאך. זיי זענען אריין צום נייעם רבי׳ן בעטן א ברכה. ווי ערשטוינט זענען זיי אבער געווארן ווען דער רבי האט זיי נישט גלייך אנגעווינטשן ווי זיי זענען געווען געוואוינט, נאר ער האט אנגעהויבן צו רעדן

צו זיי איבער די תכלית אויף דער וועלט און אז מען זאל זיך מחזק זיין צו פארשטארקן די גדרים אין אידישקייט.

"וואס וועט אייך העלפן דאס זיך יאגן נאך די געשעפטן?" האט דער רבי זיי געפרעגט מיט אן אמת. אזוי האט דער רבי גערעדט צו זיין דברי התחזקות און ערשט דערנאך האט ער זיי אנגעווינטשן און זיי געלאזט גיין ווייטער זייער וועג.

פאר די סוחרים איז דער נייעם צוגאנג געווען א חידוש און דאס איז געווען די נייעס ביי די קופקעס אינדרויסן פון שול.

עס זענען געקומען באריכטן פון ברסלב אז דער רבי רעדט אין אלגעמיין נאר פון תורה און תפילה און ער מאכט אוועק די אלע 'חסידישע סעודה'לעך' פון טרונקען ברוינפן. "איך קען שוין ניט דערליידן זייער אייגן פארבריצירטע ימים טובים," האט דער רבי זיך אויסגעדרוקט. איבערהויפט איז געווען א חידוש פון רבינ'ס מנהג אין אנהייב פון זיין רבי'סטעווע ווען די חסידים האבן זיך מתודה געווען אז דער רבי זאל זיי קענען געבן א תיקון פאר זייער נשמה.

## א פייער פון עבודת השם

אויף שבת פרשת כי תבא האבן זיך צאמגענומען א קבוצה פון גאר חשוב'ע אינגעלייט פון נעמירוב און זענען געפארן קיין ברסלב צו ווילן בצל קדשו. די סעודת שבת האבן זיי געגעסן ביים רבי'ן. ערגעץ אינמיטן די סעודה האט זיך דער שמועס געקערט צו די נושא איבער א געוויסע אינגערמאן וועלכער פאטשט מיט די הענט ביים דאווענען.

"איר האט בכלל אן אנונג איבער די סודות און הויכע ענינים וואס עס שטעקט אין דעם ענין פון פאטשן מיט די הענט ביים דאווענען?" האט דער רבי זיך אנגערופן. און אזוי ווייטער האט דער רבי אנגעווארעמט די חסידים צו העכערע עבודות.

צווישן די קבוצה אינגעלייט ביים רבי'ן יענעם שבת, האט מען אויך געקענט אנזען דאס געשטאלט פון רבי נתנ'ס חבר, רבי ליפא וועלכער האט אויך זוכה געווען צו איינזאפן פון רבינ'ס הייליגע תורה און דערהויבענע עבודה. רבי ליפא האט זיך צוריקגעקערט קיין נעמירוב יענעם מוצאי שבת וואס איז אויסגעקומען א' סליחות. ער איז שוין נישט געווען דער זעלבער ווי ער איז געגאנגען און רבי נתן האט דאס גוט באמערקט...

ער האט צוגעקוקט פון זייט ווי רבי ליפא לייגט אראפ א סליחות מיט א געוואלדיגע השתפכות הנפש. און ווען עס איז געקומען צום "ענינו" וואס רוב מתפללים כאפן דארט אפ די לאנגע תחינות, האט אבער רבי ליפא ארויסגעזאגט יעדעס ווארט מיט א קלארקייט און התלהבות. אויך דער צווייטער חבר, רבי נפתלי האט קלאר באמערקט אז עפעס אן ענדערונג קומט פאר ביי זייער חבר.

"ער איז געווען ביים נייעם ברסלב'ער רבי. קוקט אויס אז ער איז נישט סתם אזוי א רבי. קוק וואס טוט זיך דא מיט רבי ליפא. מען מוז דאס אויסשפיאנירן."

ווי עס שיינט האבן רבי נתן מיט רבי נפתלי מקנא געווען רבי ליפא. טייערע קינדער, ס'איז נישט געווען א

בילד: רעכטס יריד אין ברסלב,
אונטן, אידן אין נעמירוב

פשוט'ע קנאה פאר עפעס א גשמיות'דיגע זאך, נאר זיי האבן געשעצט די נייע עבודה פון רבי ליפא און זיי האבן אויך געוואלט קענען דאס דערגרייכן, דאס הייסט "קנאת סופרים".

רבי נתן, מיט זיין געוואלדיגע ההשתוקקות צו שטייגן און דערגרייכן האט נישט געצעגערט קיין מינוט. נאך יענעם זעלבן אינדערפרי, כ"ב אלול, האט ער זיך ארויסגעלאזט קיין נעמירוב אינאיינעם מיט רבי נפתלי צו דערטאפן וואס פארא עבודות עס קומט דארט פאר אין ברסלב ביי דעם רבי'ן.

!!!!!

די נאנטע שטרעקע פון נעמירוב צו ברסלב האט דא געשפילט א גרויסע ראלע. רבי נתן האט שוין פון פריער געהערט פון רבי'נס נאמען וואס איז דערגאנגען גאר ווייט, אבער דער רבי האט דאן געוואוינט אין מעדוועדיווקע וואס איז זייער ווייט פון נעמירוב און ער האט זיך נישט געקענט ערלויבן צו זיין אזוי לאנג אוועק פון שטוב צוליב די קעגנערשאפט פון זיין משפחה צו חסידות. שפעטער ווען דער רבי האט זיך אויפגעהאלטן אין זלאטיפאליע, וואס איז שוין עטוואס נענטער, האט אבער די גרויסע מחלוקה אויפן רבי'ן, אפגעהאלטן רבי נתן פון צו פארן צו אים. אצינד אז דער רבי איז אזוי נאנט צו אים וועט ער אויסניצן די געלעגנהייט. וואס וועט זיין משפחה זאגן?

נישט געפערליך. אין יענע צייט איז רבי נתן געווען עטליכע מאל פאררייזט צוליב זיינע געשעפטן. נישט אז רבי נתן איז געווען א סוחר, נאר ער האט נישט געהאט חשק צו אננעמען א רבנות פאסטן ווי זיין טאטע און שווער האבן אים פארגעשלאגן. פאר אזא כלי המפואר ווי רבי נתן וואלט זיך זיכער געפאסט א חשוב'ע פאסטן. אבער צוליב זיין גרויס עניוות און שפלות רוח, האט ער זיך אפגעזאגט פון אלע מכובד'דיגע פאסטנס. ער האט בעסער געוואלט מקיים זיין וואס די משנה זאגט: "האב ליב די ארבעט און האב פיינט דאס רבנות שטעלע..."



מיט זיין טאטנ'ס עשירות האט ער זיך אנגעשלאסן אין זיינע פארצווייגטע געשעפטן און שטארק מצליח געווען. רבי נתן איז אין די מערהייט פון טאג געווען פארזונקען אין תורה ועבודה, זיין פרוי האט געפירט דאס געשעפט, און נאר ביינאכט האט ער געמאכט די חשבונות אזוי אויך פלעגט ער רייזן קיין בארדיטשוב און אנדערע שטעט איינצוקויפן סחורה. צוביסליך האט ער זיך דערלערנט די ווערד פון סחורה און זיך אריינגעדרייט אין די האנדלס וועלט ביז ער איז געווארן א געריבענער סוחר.

ביי די רייזעס האט רבי נתן אויסגעניצט די צייט צו אנטרינען ווערן ביי חסידישע רביים און דארט זיך אנזאפן מיט חסידות און צו אויפוועקן פארדאכט איבער זיך.

יענע תקופה וואס דער רבי איז אנגעקומען קיין ברסלב האט רבי נתן געפלאנט זיך אינגאנצן אריבערצוציען קיין בארדיטשוב אדער אדעסע, וואו דער טאטע האט געהאט זיינע גרויסע געשעפטן. האט זיך אבער געמאכט אז פונקט דאן האט רבי נתן באקומען א מעלדונג פון זיין חשוב'ער שווער אז ער גרייט זיך צו קומען קיין נעמירוב. רבי נתן וועט נישט טון אזאנס און אוועקפארן איידער זיין שווער קומט אן. ס'פאסט נישט. אין יענע צייטן האבן זיך עלטערן און קינדער זייער זעלטן געזען איינער דעם אנדערן. ביז מען האט ענדליך געקענט קומען צו רייזן די ווייטע שטרעקעס איז געווען א גאנצע געשעעניש.

רבי נתן איז געבליבן וואוינען אין נעמירוב־ ־ ־ ־ און דער רבי איז געקומען וואוינען אין ברסלב־ ־ ־ ־

למעשה איז דער שווער נישט גלייך אנגעקומען. ער האט זיך באוויזן ערשט צוויי חדשים שפעטער אין חשון, אבער רבי נתן האט זיך שוין נישט געצויגן אין ערגעץ.

*

רבי נתן מיטן חבר, רבי נפתלי לאזן זיך ארויס אין וועג קיין ברסלב א' סליחות. רבי נתנ'ס מזל האט געשפילט אז דער טאטע איז דאן געווען פאררייזט אין באדיטשוב און נישט מיטגעהאלטן וואס רבי נתן טוט דא.

די צוויי חברים זענען אנגעקומען קיין ברסלב און זענען צום ערשט געגאנגען צום שטוב פון ר' בערל דאבריש'ס, איינער פון רבינ'ס חסידים. ר' בערל האט נישט אויפגעהערט צו דערציילן איבער די גרויסקייט פון רבי'ן. ער האט זיי געשילדערט איבער די פארכטיגע עבודות און וואונדערליכע מופתים וואס מען דערקענט ביים רבי'ן.

רבי נתן האט זיך אמאל אויסגעדרוקט: "זיין שטוב איז געווען אנגעפילט מיטן רבי'ן."

דערנאך זענען זייביידע צוגעטראטן אל הקודש פנימה אפצונעמען שלום פון הייליגן רבי'ן.

רבי נתן קומט אריין און ווערט ממש דערציטערט פון די ליכטיגע צורה וואס עס האט זיך אים אנטפלעקט. גלייך האט ער דאס דערקענט. ס'איז נישט געווען דאס ערשטע מאל וואס רבי נתן האט שוין געזען דעם הייליגן רבי'ן. יא קינדער, איר האט גוט צוגעטראפן, רבי נתן האט שוין געזען דעם רבי'ן אין חלום ווען ער האט זיך געדראפעט איבערן לייטער און כסדר אראפגעטראסקעט.

"דראפע זיך און האלט זיך!" האבן אים די ווערטער געקלינגען. אצינד ווייסט ער שוין ווער עס איז דער אינגערמאן וועלכער איז געשטאנען ביים לייטער און אים מחזק געווען. דאס איז דער רבי אליין!

רבי נתן מיט רבי נפתלי האבן זיך פארגעשטעלט פארן רבי'ן ווער זיי זענען און דערציילט אביסל פון זייער יחוס.

"אלעס גוטע אידן!" האט דער רבי זיך אנגערופן. רבי נתן האט זיך אויך אהערגעשטעלט אלס ווייטער קרוב און מחותן פון רבי'ן דורך דעם רבינ'ס זיידע, הרה"ק רבי נחמן הארעדענקער זצוקה"ל.

"אצינד בין איך שוין נישט עלנד אליין," האט דער רבי צוגעלייגט. "מיר קענען זיך שוין פון לאנג נאר מיר האבן זיך שוין א צייט נישט

געזען!"
דער רבי האט פארפירט א לענגערן שמועס און צווישן די ווערטער האט ער דערציילט דריי מעשיות וואס מיר וועלן בעזר השם ברענגען אין אן אנדערע געלעגנהייט.
ענדליך ענדליך האט רבי נתן געשפירט אז זיין רוישיגע הארץ קילט זיך עטוואס אפ. ער האט שוין געפונען דאס וואס זיין נשמה האט אזוי באגערט. פון די ערשטע מינוט האט רבי נתן באקומען דעם געפיל אז דא איז דאס ארט וואו ער וועט קענען טרעפן אן ענטפער אויף זיינע אלע נאגענדיגע שאלות און דא וועט ער קענען שטייגן און זיך דראפען אויפן לייטער ביז ער וועט ענדליך בעזר השם דערגרייכן דעם שפיץ.

## דעם ערשטן ראש השנה ביים רבי'ן

זייענדיג אין ברסלב האט רבי נפתלי און רבי נתן אויפגעכאפט אז דער רבי לייגט א גרויסע דגוש אז מען זאל זיין ביי אים אויף ראש השנה. שטייענדיג א וואך פאר ראש השנה האבן זיי זיך געמאכט דעם חשבון אז זיי וועלן נישט קענען זיין אוועק פון שטוב פאר אזוי לאנג, האבן זיי מחליט געווען צוריקצופארן קיין נעמירוב און צוריקקומען ערב ראש השנה.
אינצווישן איז דער פאטער פון רבי נתן אהיימגעקומען פון בארדיטשוב און איז געווארן זייער אומצופרידן אויף זיין חשוב'ער זון אויף דעם וואס ער גייט צו רבי'ס. רבי נתן האט מיט מסירת נפש ווייטער אנגעגאנגען מיט זיין פריערדיגע פלאן. ער האט באשטעלט א וואגן וואס זאל אים אפפווארטן אינדרויסן פון שטאט.
ער האט זיך איינגעפאקט זיינע שבת'דיגע בגדים און איז ארויס אין וועג אינאיינעם מיט רבי נפתלי, רבי ליפא, און זיי האבן מיטגעשלעפט אויך רבי זלמן דער קליינער זאגנדיג אים, "דו געהערסט אהער, ביים הייליגן רבי'ן."
אך, וואס פארא דערהויבענעם ראש השנה זיי האבן מיטגעלעבט. דאס וואס זיי האבן אין זייער לעבן נישט געשפירט.
רבי נתן שרייבט פון זיין גאנצע איבערלעבעניש און די אלע פארכטיגע תורות וואס דער רבי האט געזאגט און ער פירט אויס: "...איך קען נישט באשרייבן די געפילן וואס האבן איבערגעפילט מיין הארץ אין דער צייט וואס איך האב געהאט די זכי' דאס אלעס צו הערן."
טייערע קינדער, כ'ווייס נישט אויב ענק האבן באמערקט, אבער אצינד ווען מיר שטייען ביים שוועל פון ראש השנה איז פונקט אויסגעקומען אז מיר האלטן אויך ביי די געשיכטע ווי רבי נתן טרעפט זיך מיטן רבי'ן ערב ראש השנה!
איז דאס נישט קיין חידוש? עלעוו קאפיטלעך האט אונז רבי נתן געפירט איבער וועגן אין שטעגן אנצוקומען ערב ראש השנה פונקט אין צייט ביי דעם קאפיטל, די הויכפונקט פון די גאנצע געשיכטע!
אין די קומענדיגע קאפיטלעך וועלן מיר אי"ה שילדערן אן אויספירליכע באריכט איבער רבי נתנ'ס ערשטע ראש השנה מיטן רבי'ן. און פון דא און ווייטער וועלן מיר הערן ווי אזוי רבי נתן איז שוין פארבליבן דער חסיד נאמן פון רבי'ן ביז צו זיין פטירה.

# דיינו...

מיר זינגען היינט א שיינעם געזאנג
פארן באשעפער א גרויסן דאנק
געגעבן ראש השנה א מתנה לרבינו

**דיינו**, לאמיר זינגען דעם אשרינו
שזכינו, להתקרב לרבינו
דיינו לאמיר זינגען דעם אשרינו
ראש השנה - א מתנה, לרבינו

וואלטן מיר אזויפיל יארן
צום רבי'נס קיבוץ געפארן
די ליכטיגע וועג אין די הייליגע טעג דיינו
**דיינו...**

א תיקון הכללי אונז צו פאררעכטן
דעם ווידוי דברים אפצורעכטן
מיט א פרוטה, לצדקה, דיינו
**דיינו...**

די תפלות און נוסחאות אזוי הייליג
מיט'ן הייליגן קיבוץ געהאט א חלק
אלע אינאיינעם, נישט מזלזל קיינעם, דיינו

נאר מיט שמחה
נודה לשמחה
מען פארפאקט שוין דעם רענצל
מוצאי יום טוב, א שיינעם טענצל
דיינו, לאמיר זינגען דעם אשרינו
שזכינו, להתקרב לרבינו

## אַ שְׁמוּעֶס פון ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּעֶנְדֶער זַ"ל

ר' נתן פלעגט זאגן א 'הלכה' אום ראש השנה, צווישן דעם ערשטן טאג אינעם אנדערן טאג. דער רבי פלעגט אויך זאגן תורה די צייט. דעם לעצטן ראש השנה איז ר' נתן נישט אראפ געגאנגען זאגן קיין 'הלכה', און אונזערע לייט האבן זייער געוואורט אויף דעם, די הלכות זיינע זענען געווען געוואלדיג, ממש אש להבה, ס'האט געברענט א פייער ביי זאגן דעם 'הלכה' – אבער דאס יאר ווארט מען און ר' נתן גייט נישט אראפ זאגן דעם הלכה.

איז ארויפגעגאנגען ר' אפרים ב"ר נפתלי צו ר' נתן'ען, און געזאגט; "רבי נתן, דער עולם איז דאך אזוי משתוקק הערן פון אייך"?! האט ר' נתן געזאגט א תירוץ דארטן פארוואס ער קען נישט אראפגיין.

ר' אפרים האט אבער פארשטאנען אז ס'איז נאר א תירוץ, ר' נתן האט טאקע דעם ראש השנה קיין הלכה נישט געזאגט.

פארוואס טאקע? האט ער אזוי געזאגט; "איך האב א קוק געגעבן און איך געזען אז מענטשן קומען אויף ראש השנה ווייל זיי ווילן הערן די הלכה מיינע - דערפאר קומען זיי אויף ראש השנה, איך בין דאך נאר א מענטש, אפשר וועל איך איבער א יאר שוין נישט זיין - אזוי האט ער געזאגט ממש א נבואה - וועט אויסקומען אז די מענטשן וועלן וויסן אז ר' נתן איז שוין נישט דא, דארף מען נישט קומען אויף ראש השנה, מ'וועט שוין נישט הערן אן הלכה, אבער אז דער רבי האט געזאגט "מיין זאך איז ראש השנה" איז עס נישט מקושר מיטן זאגן א 'הלכה'! דער רבי האט דאך געזאגט "יא דאווענען נישט דאווענען" - האב איך געוואלט ווייזן אז דער ראש השנה איז נישט תלוי אין מיין הלכה"!




# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן מַיין ׳נְסִיעָה׳, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט!

מַעֲשֶׂה: אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ ׳מֶלֶךְ׳ – וָואס עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ גֶעהַאט כַּמָּה ׳מִלְחָמוֹת׳ שְׁוֶוערֶע – אוּן הָאט זֵיי כּוֹבֵשׁ גֶעוֶוען (דְּהַיְינוּ: אַיינְגֶענוּמֶען) – אוּן הָאט גֶענוּמֶען אַסַאךְ ׳שְׁבוּיִים׳ [גֶעפַאנְגֶענֶע]!

([אִינְמִיטְן וָואס רַבֵּינוּ ז״ל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן – הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן בְּזֶה-הַלָּשׁוֹן]: ״אֶפְשָׁר וֶועט אִיר מֵיינֶען [אַז] אִיךְ וֶועל אַייךְ גָאר [אַלֶעס] דֶערְצֵיילְן, וֶועט אִיר קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין״?)!

הָאט דֶער ׳מֶלֶךְ׳ גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסְן ׳בַּאל׳ [סְעוּדָה] – אַלֶע יָאהר אִין דֶעם טָאג וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶענוּמֶען דִי ׳מִלְחָמָה׳.

אוּן סֶע [סְ׳אִיז] דָארְט גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם ׳בַּאל׳ – אַלֶע ׳שָׂרֵי-מְלוּכָה׳, אוּן אַלֶע ׳שְׂרָרוֹת׳ – אַזוֹי-וִוי דֶער סֵדֶר אִיז בַּיי ׳מְלָכִים׳.

אוּן מְ׳הָאט דָארְט גֶעמַאכְט ׳קָאמֶעדְיֶיעס׳ [פַּארְשְׁטֶעלוּנְג-שְׁפִּילְן] – אוּן מְ׳הָאט גֶעשְׁפֶּעט פוּן אַלֶע ׳אוּמוֹת׳ [פֶעלְקֶער] – פוּן דֶעם ׳טֶערְק׳, אוּן פוּן אַלֶע ׳אוּמוֹת׳.

אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ נָאכְגֶעקְרוּמְט [פוּן גֶעלֶעכְטֶער] נָאךְ אִיטְלֶעכֶער ׳אוּמָה׳ [פָאלְק], אַזוֹי-וִוי [לוֹיט] זֵייעֶר ׳נִימוּס׳ אוּן זֵייעֶר ׳פִּירֶערְכְץ׳ אִיז.

מִן-הַסְתָּם הָאט מֶען פוּן אִידְן אוֹיךְ גֶעשְׁפֶּעט!

הָאט דֶער ׳מֶלֶךְ׳ גֶעהֵייסְן: ״[מֶען זָאל אִים] בְּרֶענְגֶען דָאס ׳סֵפֶר׳ – וָואס דָארְט אִיז פַארְשְׁרִיבְּן דִי ׳נִימוּסִים׳ אוּן דָאס ׳פִּירֶערְכְץ׳ פוּן אִיטְלֶעכֶער ׳אוּמָה׳״.

אוּן אוּמֶעטוּם וואוּ דֶער ׳מֶלֶךְ׳ הָאט אוֹיפְגֶעפְּנְט דָאס ׳סֵפֶר׳ – הָאט עֶר גֶעזֶעהְן [דִי ׳נִימוּסִים׳ אוּן דָאס ׳פִּירֶערְכְץ׳ פוּן יֶענֶעם ׳פָאלְק׳] פּוּנְקְט אַזוֹי-וִוי זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי ׳קָאמֶעדְיֶיע׳ פוּן זֵיי – וָוארְן מִן-הַסְתָּם, דֶער וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי ׳קָאמֶעדְיֶיע׳, הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעזֶעהְן דָאס ׳סֵפֶר׳.

דֶערְוַוייל וִוי דֶער ׳מֶלֶךְ׳ אִיז גֶעזֶעצְן אִיבֶּער דֶעם ׳סֵפֶר׳ – הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: וִוי אַ ׳שְׁפִּין׳ קְרִיכְט, אוֹיף דִי ׳שָׂארְף׳ פוּן דִי ׳בְּלֶעטֶער׳ פוּן דֶעם ׳סֵפֶר׳ – אוּן אוֹיף דִי ׳בְּלֶעטֶער׳ פוּן דֶעם ׳סֵפֶר׳, אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַ ׳פְּלִיג׳ – מִן-הַסְתָּם וואוּהִין גֵייט אַ ׳שְׁפִּין׳, צוּ אַ ׳פְּלִיג׳.

דֶערְוַוייל וִוי דִי ׳שְׁפִּין׳ אִיז גֶעקְרָאכְן, אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער ׳פְּלִיג׳ – אִיז גֶעקוּמֶען אַ ׳ווִינְט׳, אוּן הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דָאס ׳בְּלֶעטְל׳ פוּן דֶעם ׳סֵפֶר׳ – [בְּמֵילָא] הָאט דִי ׳שְׁפִּין׳ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין צוּ דֶער ׳פְּלִיג׳ – הָאט זִי זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט [צוּרִיקְגֶעקֶערְט] – אוּן הָאט זִיךְ קְלוֹימֶערְשְׁט [לְמָשָׁל] גֶעמַאכְט, גְלַייךְ [כְּאִילוּ] וִוי זִי קֶערְט זִיךְ אוּם [צוּרִיק], אוּן וִויל שׁוֹין נִישְׁט גֵיין צוּ דֶער ׳פְּלִיג׳ – דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ דָאס ׳בְּלֶעטְל׳ אוּמְגֶעקֶערְט אוֹיף זַיין אָרְט!

הָאט ווִידֶער דִי ׳שְׁפִּין׳ גֶעוָואלְט גֵיין צוּ דֶער ׳פְּלִיג׳ – הָאט זִיךְ ווִידֶער אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דָאס ׳בְּלֶעטְל׳ – אוּן [דָאס ׳בְּלֶעטְל׳] הָאט זִי נִישְׁט גֶעלָאזְט [דִי ׳שְׁפִּין׳ גֵיין צוּם ׳פְּלִיג׳] – הָאט זִיךְ

די ׳שְׁפִּין׳ וִוידֶער אוּמְגֶעקֶערְט! און אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע מָאל!

נָאכְדֶעם אִיז וִוידֶער די ׳שְׁפִּין׳ גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער ׳פְּלִיג׳ – און אִיז אַזוֹי גֶעקְרָאכְן – בִּיז זִי הָאט זִיךְ שׁוֹין אַרִיבֶּערְגֶעכַאפְּט מִיט אֵיין ׳פִּיסְל׳, אוֹיף דֶעם ׳בְּלֶעטְל׳.

הָאט זִיךְ וִוידֶער אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דָאס ׳בְּלֶעטְל׳ – און די ׳שְׁפִּין׳ אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַבִּיסְל אוֹיף דֶעם ׳בְּלֶעטְל׳.

הָאט זִיךְ [דַאן] דָאס ׳בְּלֶעטְל׳ אַנִידֶערְגֶעלֵייגְט אִינְגַאנְצְן – בִּיז די ׳שְׁפִּין׳ אִיז גֶעבְּלִיבְּן אוּנְטֶערְן ׳בְּלֶעטְל׳, צְוִוישְׁן אֵיין ׳בְּלֶעטְל׳ און אַנְדֶערְן – און זִי אִיז דָארְטְן גֶעקְרָאכְן – און אִיז אַלְץ גֶעבְּלִיבְּן מַטָּה מַטָּה – בִּיז סֶע [סְ׳אִיז] פון אִיר גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן!

(און די ׳פְּלִיג׳ – וֶועל אִיךְ אַייךְ נִישְׁט דֶערְצֵיילְן וָואס מִיט אִיר הָאט זִיךְ גֶעטָאן).

און דֶער ׳מֶלֶךְ׳ הָאט דָאס אַלְץ גֶעזֶעהְן – און הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַּארְוואוּנְדֶערְט – עֶר הָאט פַּארְשְׁטַאנֶען: ״אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין לֶערֶע [פָּשׁוּטֶ׳ע] זַאךְ – נָאר מְ׳וַוייזְט אִים עֶפֶּעס אַ זַאךְ דֶערְמִיט״.

(און די אַלֶע ׳שָׂרִים׳ הָאבְּן גֶעזֶעהְן: ״אַז דֶער ׳מֶלֶךְ׳ קוּקְט, און פַּארְוואוּנְדֶערְט זִיךְ דֶערוֹיף״).

און דֶער ׳מֶלֶךְ׳ הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן: ״וָואס דָאס בַּאדֵייט״?

און עֶר אִיז אַנְדְרִימְלְט גֶעוָוארְן אוֹיף דֶעם ׳סֵפֶר׳.

הָאט זִיךְ אִים גֶעחָלוֹמְ׳ט: אַז עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אִין דֶער הַאנְט אַ ׳דוּמִיט׳ [דִימַאנְט] – און עֶר הָאט אוֹיף אִים גֶעקוּקְט – זֶענֶען פון אִים אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען ׳גוּזְמוֹת [פון] מֶענְטְשְׁן׳.

הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דֶעם ׳דוּמִיט׳ פון דֶער הַאנְט!

און דֶער סֵדֶר אִיז בַּיי ׳מְלָכִים׳ – [אַז] סְ׳הֶענְגְט אִיבֶּער זֵיי, זַיין ׳פַּאטְרֶעט׳ [בִּילְד] – און אִיבֶּער דֶעם ׳פַּאטְרֶעט׳, הֶענְגְט די ׳קְרוֹין׳.

האט עֶר גֶעזֶעהְן אִין ׳חָלוֹם׳: ווִי די מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פון דֶעם ׳דוּמִיט׳ – הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם ׳פַּאטְרֶעט׳ – און הָאבְּן אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דֶעם ׳קָאפּ׳ [פון קֶענִיג].

דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי גֶענוּמֶען די ׳קְרוֹין׳ – און הָאבְּן [דָאס] אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אִין דֶער ׳בְּלָאטֶע׳ אַרַיין.

און זֵיי זֶענֶען גֶעלָאפְן צוּ אִים, זֵיי זָאלְן אִים הַרְגֶ׳ענֶען.

הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אַ ׳בְּלֶעטְל׳ פון דֶעם ׳סֵפֶר׳ וָואס עֶר אִיז גֶעלִיגְן דֶערוֹיף – און הָאט אִים פַּארְשְׁטֶעלְט [בַּאשִׁיצְט] – הָאבְּן זֵיי אִים גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טָאן.

זֶענֶען זֵיי אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פון אִים! און דֶערְנָאךְ, הָאט זִיךְ דָאס ׳בְּלֶעטְל׳ אוּמְגֶעקֶערְט אוֹיף זַיין אָרְט.

דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי וִוידֶער גֶעוָואלְט אִים הַרְגֶ׳ענֶען – הָאט זִיךְ וִוידֶער אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דָאס ׳בְּלֶעטְל׳, כַּנַ״ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]. און אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען כַּמָּה מָאל!

הָאט דֶער ׳מֶלֶךְ׳ זֵייעֶר גֶעוָואלְט זֶעהְן: וָואסְפַּארַא ׳בְּלֶעטְל׳ סְ׳אִיז אוֹיף אִים מֵגִין (דְהַיְינוּ: סְ׳בַּאשִׁיצְט אִים) – וָואסֶערֶע ׳נִימוּסִים׳ [גֶעזֶעצְן און פִירוּנְגֶען] סְ׳שְׁטֵייעֶן דֶערוֹיף – פון וֶועלְכֶער ׳אוּמָה׳ [פָאלְק] דָאס אִיז?

הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט צוּ קוּקְן – און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרֵייעֶן: ״גֶעוַואלְד״! ״גֶעוַואלְד״!

און אַלֶע ׳שָׂרִים׳ וָואס זֶענֶען דָארְט גֶעזֶעצְן,

הָאבְּן [דָאס] גֶעהֶערְט – הָאבְּן זֵיי אִים גֶעוָואלְט אוֹיפְוֶועקְן – נָאר דָאס אִיז נִישְׁט קַיין 'נִימוּס' [אַז מֶען זָאל אַ 'מֶלֶךְ' וֶועקְן].

הָאבְּן זֵיי גֶעקְלַאפְּט אַרוּם אִים – כְּדֵי זֵיי זָאלְן אִים אוֹיפְוֶועקְן – אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט.

דֶערְוַוייל אִיז צוּ אִים גֶעקוּמֶען אַ 'הוֹיכֶער בַּארְג' – אוּן הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס שְׁרֵייסְטוּ אַזוֹי? – עֶס אִיז שׁוֹין אַזוֹי אַ [אַזַא] לַאנְגֶע צַייט אַז אִיךְ שְׁלָאף – הָאט מִיךְ קֵיינֶער נִישְׁט אוֹיפְגֶעוֶועקְט – אוּן דוּ הָאסְט מִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט"? – (אַזוֹי הָאט דֶער 'בַּארְג' גֶעזָאגְט צוּם 'מֶלֶךְ').

הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "ווִי זָאל אִיךְ נִישְׁט שְׁרֵייעֶן, אַז זֵיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף מִיר אוֹיף, אוּן ווִילְן מִיךְ הַרְגֶ'ענֶען? – נָאר דָאס 'בְּלֶעטְל' אִיז אוֹיף מִיר מֵגִין"!

הָאט אִים דֶער 'בַּארְג' גֶעעֶנְטְפֶערְט:

"אַז דָאס 'בְּלֶעטְל' אִיז אוֹיף דִיר מֵגִין – בַּאדַארְפְסְטוּ קַיין מוֹרָא נִישְׁט צוּ הָאבְּן, פַאר קַיין שׁוּם זַאךְ – וָוארְן אוֹיף מִיר שְׁטֵייעֶן אוֹיךְ אוֹיף אַסַאךְ 'שׂוֹנְאִים' – נָאר דָאס 'בְּלֶעטְל' אִיז אוֹיף מִיר מֵגִין.

# תְּפִלָּה אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה
## (לוֹיט תפלה א' חלק שני)

בַּאשֶׁעפֶער אֵיינְצִיגֶער, דֶערְבַּארִים זִיךְ אוֹיף מִיר מִיט דַיין פִילֶע רַחֲמָנוּת אוּן דַיין שְׁטַארְקֶע גֶענַאד מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען דֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט גְרוֹיס הֵיילִיגְקַייט אוּן רֵיינְקַייט, מִיט פָארְכְט אוּן לִיבְשַׁאפְט אוּן מִיר גְרוֹיס פְרֵייד אוּן שִׂמְחָה. וַוייל דוּ הָאסְט מִיט דַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוּנְז אוֹיסְגֶעוָועלְט צְוִוישְׁן אַלֶע פֶעלְקֶער אוּן אוּנְז גֶעהֵיילִיגְט מִיט דַיינֶע מִצְוֹת, הָאסְט מִיט אוּנְז גֶעטוּן אַ גְרוֹיס חֶסֶד אוּן גֶעגֶעבְּן דִי גוּטֶע מַתָּנָה, וָואס דָאס אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַ הֵיילִיגֶע שְׁרֶעק-פָארְכְטִיגֶע טָאג – וֶוען דַיין קֶענִיגְרַייךְ וֶוערְט גֶעפֶעסְטִיגְט אוּן דוּ גְרֵייטְס אָן דַיין כִּסֵּא מִיט חֶסֶד אוּן דוּ זִיצְט דָארְט מִיט אֱמֶת.

מִיט דַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת הָאסְטוּ בַּאשְׁטִימְט דֶעם גְרוֹיסְן הֵיילִיגְן טָאג, דֶער גְרוֹיסֶער פָארְכְטִיגֶער יוֹם הַדִּין אִינֶעם טָאג רֹאשׁ חֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי, וַוייל רֹאשׁ חֹדֶשׁ אִיז דֶער טָאג וֶוען דוּ אַלֵיין בֶּעטְס כִּבְיָכוֹל אַ פַארְצֵייאוּנְג פַארְן פַארְקְלֶענֶערְן דִי לְבָנָה (ווִי חֲזַ"ל זָאגְן) 'הָבִיאוּ עָלַי כַּפָּרָה עַל שֶׁמִּעַטְתִּי אֶת הַיָּרֵחַ' וָואס פוּן דָארְט וֶוערְט נִמְשַׁךְ אַלֶע אוּנְזֶערֶע זִינְד, דֶערִיבֶּער הָאבְּן מִיר אַ פִּתְחוֹן פֶּה צוּ קוּמֶען צוּ דִיר אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אוּן חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיף אוּנְזֶערֶע זִינְד אִין אָט דֶעם גְרוֹיסְן טָאג – דֶער יוֹם הַדִּין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וַוייל דוּ אַלֵיין הָאסְט דַאן אוֹיךְ חֲרָטָה אוּן בֶּעטְס אַ כַּפָּרָה.

חַסְדֵי ה' כִּי לֹא תָמְנוּ", כִּי לֹא כָלוּ רַחֲמֶיךָ לְעוֹלָם, דַיין חֶסֶד הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּגֶעטוּן פוּן אוּנְז, אֲפִילוּ מִיר הָאבְּן חַס וְשָׁלוֹם גֶעטוּן וָואס מִיר הָאבְּן גֶעטוּן הָאסְטוּ שׁוֹין מְגַלֶּה גֶעוֶוען מֵרָחוֹק דַיינֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע שְׁטַארְקֶע מֶערְדֶערֶע חֲסָדִים וֶועלְכֶע זֶענֶען פָארְכְטִיג אוּן גְרוֹיס אוּמְצָאלִיג, אָן קַיין שִׁיעוּר, אֵין סוֹף וְאֵין תַּכְלִית.

:pe ______________

# לאמיר זיך פארהערן





## די זיבעטע מעשה - דער פליג און דער שפין (1)

**א.** שאלת זכות: ווען האט דער רבי פארציילט די מעשה
(עיין חיי מוהר"ן אות נ"ט)
- ❑ זומער תקס"ז
- ❑ זומער תקס"ו.
- ❑ ווינטער תקס"ז

**ב. וועלכע טאג אין יאר האט דער מלך געמאכט א סעודה ?**
- ❑ אין דעם טאג וואס ער האט אפגענומען די מלחמה
- ❑ אין דעם טאג וואס ער האט גענומען אסאך שבויים.
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. וועלכע אומה זאגט דער רבי עקסטער אז מען האט פון זיי געמאכט געשפעט?**
- ❑ פון אדום און פון דעם טערק
- ❑ פון די בבליים.
- ❑ פון דעם טערק

**ד. מען האט ליצנות געמאכט אויך פון אידן?**
- ❑ מן הסתם.
- ❑ ניין.
- ❑ דער רבי רעדט נישט דערפון

**ה. וויפיל מאל האט דער שפין פרובירט כאפן דעם פליג?**
- ❑ דריי מאל
- ❑ צען מאל
- ❑ עטליכע מאל

**ו. וואס איז ביים סוף געשעהן מיטן שפין?**
- ❑ דער גרייכט דעם פליג.
- ❑ געווארן צו בלוטיגט.
- ❑ עס איז פון איר גאר נישט געבליבן.

**ז. וואס האט דער מלך געשריגן אינמיטן חלום?**
- ❑ ראטעוועט ראטעוועט.
- ❑ דער רבי זאגט נישט וואס ער האט געשריגן
- ❑ געוואלד געוואלד.

**ח. ווער האט אויף געוועקט דער הויכן בארג?**
- ❑ דער ס"מ.
- ❑ דער מלך ווען ער האט געשריגן.
- ❑ די פליג און די שפין.
- ❑ א יפת תואר.

**ט.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ איינמאל
- ❑ צווימאל
- ❑ איך האב געוואלט



### טיפער געטראכט
ביי וועלכע מעשה נאך, ווערט דערמאנט די ווערטער "גיוואלד גיוואלד" ?

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך
וואספארא לשון וואס עס ווערט דערמאנט ביי די מעשה – זאגט מען מוצאי שבת?

**אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן בְּכָל מָקוֹם שֶׁאַתָּה מוֹצֵא גְּדֻלָּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא. שָׁם אַתָּה מוֹצֵא עַנְוְתָנוּתוֹ.** (ויתן לך)

**געווינער אויף די בחינות פון די זעקסטע מעשה איז הילד הח' אלימלך וואלעס, בית שמש**
**די מתנה קען מען באקומען ביים משגיח אין חדר ברסלב ר' יואל יאראוויטש הי"ו**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# בַּאשִׁיצְט פוּנֶעם פַּיְינְט

דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר אָנְגֶעפַּאנְגֶען דִי זִיבֶּעטֶע מַעֲשֶׂה, פוּן "דִי פְּלִיג מִיטְן שְׁפִּין".

דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶערוּפְן דִי מַעֲשֶׂה אוֹיפְן נָאמֶען פוּן דִי צְווֵיי קְלֵיינֶע בַּעֲלֵי חַיִּים, וָואס שְׁטֵייעֶן אוֹיף דִי צְווֵיי זַייטְן פוּנֶעם קֶענִיגְ'ס סֵפֶר: דִי קְלֵיינֶע שְׁוואכֶע פְּלִיג וָואס כַאפְּט זִיךְ אָן בַּיים עֶק-בְּלַאט, אוּן דִי שְׁפִּין וָואס פְּרוּבִּירְט כִיטְרֶעשׁ צוּ אַטַאקִירְן אוּן אַרַיינְכַאפְּן דָאס פְּלִיג.

דִי שְׁפִּין שְׁפִּילְט וִוי זִי וָואלְט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט, אוּן דַאן דֶערְנֶענְטֶערְט זִי זִיךְ צוּרִיק, אוּן יֶעדְעס מָאל אִיז זִי כִּמְעַט מַצְלִיחַ צוּ פַארְכַאפְּן דָאס פְּלִיג, נָאר דִי בְּלַאט פוּן דֶער סֵפֶר מִישְׁט זִיךְ אִיבֶּער אִיר אוּן שְׁטוּפְּט אִיר דִי גַאנְצֶע צַייט צוּרִיק מֶער אוּן מֶער, בִּיז וֶוען זִי וֶוערְט אִינְגַאנְצְן פַארְכַאפְּט צְווִישְׁן דִי בְּלֶעטֶער פוּן סֵפֶר, "אוּן עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט פוּן אִיר".

דִי 'שְׁפִּין' אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְן בַּעַל דָּבָר, וָואס לָאקֶערְט אוֹיף אוּנְז אוּן הַאלְט אוּנְז צוּרִיק פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. דִי 'פְּלִיג' אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְן מֶענְטְשׁ וָואס שְׁפִּירְט זִיךְ גָאר שְׁוַואךְ קֶעגְן דֶער יֵצֶר הָרָע. אָבֶּער דִי קְלֵיינֶע שְׁפִּין אִיז נִישְׁט מְוַותֵּר, אוּן יֶעדְעס מָאל קוּמְט זִי אָן מִיט קְלוּגְשַׁאפְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן פְּרוּבִּירְט נָאכַאמָאל אוּן נָאכַאמָאל אִים אָרָאפְּצוּוַוארְפְן אוּן בְּרֶענְגֶען צוּ יֵאוּשׁ, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי שְׁוַואךְ אוּן קְלֵיין, אוּן



קֶעגְן אִים אִיז דָא דֶער בַּעַל דָּבָר וָואס אִיז אַזוֹי קְלוּג אוּן כִיטְרֶע, אִיז וִויאַזוֹי קֶען מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אִים?

דוּרְכְן בְּלַאט פוּן דֶעם סֵפֶר! וָואס דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי תּוֹרוֹת אוּן סְפָרִים פוּן דֶעם צַדִּיק, וָואס וֶוער עֶס הַאלְט עֶס שְׁטַארְק אָן, נִישְׁט קֵיין חִילוּק וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, גֵייט זִיכֶער זוֹכֶה זַיין גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּנֶעם נֶעץ פוּנֶעם בַּעַל דָּבָר. נִישְׁט מִיט אוּנְזֶער כֹּחַ, נָאר מִיטְן גְרוֹיסְן כֹּחַ פוּן דֶעם צַדִּיק וָואס דֶערְנֶענְטֶערְט אוּנְז צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

אִין בֶּעפָארְבְּרֵייטֶערוּנְג צוּם טָאג פוּן דֶער בַּר-מִצְוָה, אִיז מְנַשֶּׁה צוּגֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צוּ אֵיינֶער פוּן דִי עֶלְטֶערֶע מִתְפַּלְּלִים, פוּן דִי אוֹיסְגֶערוּפֶענֶע עוֹבְדֵי ה' אוּן מַתְמִידִים - ר' גֵּרְשׁוֹן שְׁלִיטָ"א, צוּ הֶערְן פוּן אִים הֲכָנָה וֶוערְטֶער פַארְן בַּר-מִצְוָה:

"הֶער זִיךְ צוּ מְנַשֶּׁה, אִיךְ ווִיל דִיר עֶפֶּעס דֶערְצֵיילְן. אֵייבִּיג זֶעסְטוּ מִיר דַאוֶוענֶען שְׁטַארְק אוּן לֶערְנֶען פִיל סְפָרִים אוּן מַאכְן סִיּוּמִים... דָאס הָאט נִישְׁט פַּאסִירְט אִין אֵיין טָאג. וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בְּעֶרֶךְ אִין דַיין עֶלְטֶער, הָאב אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ וֶועל זַיין אַ גְרוֹיסֶע

המשך אויף זייט 2

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר אליעזר זוסיא גודלבסקי הי"ו
לרגל הכנסת בנו הב' שלמה זלמן נ"י
לעול תורה ומצות

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר מנחם מרדכי קעניג הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר צבי נחמן רובינפיין הי"ו
לרגל הולדת בתו למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר חיים בלוי הי"ו
לרגל הולדת בתו למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר יוסף ששפורטיש הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב